# מאמר התחזקות

א רייכע אוצר פון הלכה, חיזוק, מעשיות, אויף שמירת עינים

פטרון טהור עינים
חודש תשרי
הרבני הנגיד מוה"ר אברהם יהושע הכהן גלאנץ הי"ו

טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

שנה י • גליון 169 • חג הסוכות • שנת תשפ"ז




# אפגעהיטענע אויגן
# איינערליכע שמחה

וּשְׂמַחְתֶּם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם:

א גאראנטיט פאר

## פארווארט

ס'איז באקאנט וואס **צדיקים** האבן געטייטשט דעם פסוק **'וחג האסיף תקופת השנה'** - אז פון דעם יום טוב סוכות, זאמלט מען שמחה אויפ'ן גאנצן קומענדיגן יאר. דער זמן שמחתינו איז מסוגל אונז צו אנלאדענען און באגלייטן מיט הויפענעס פון שמחה של מצוה, צו קענען אלעמאל דינען דעם אויבערשטן בשמחה ובטוב לב.

אין די יעצטיגע הייליגע ימי הסוכות איז די פאסיגע צייט, זיך צו פארטיפן אין איינס פון די גרעסטע מתנות וואס השי"ת האט אונז געגעבן: דער טייערער געשאנק פון 'שמירת עינים', וואס איז למעשה א פארזיכערטע קוואל פון שמחת החיים, סיפוק הנפש און ישוב הדעת – אפילו בגשמיות, אויף א פארנעם וואס קיין שום אנדערע זאך קען נישט באווייזן.

טעמו וראו כי טוב ה'!

## א

# זַכָּאָה חֶלְקָנָא וְזַכָּאָה חֶלְקֵיהוֹן דְּיִשְׂרָאֵל; שְׁמִירַת עֵינַיִם איז א מתנה, נישט קיין פרעשור

## ווען מ'דארף נעבעך ליידן...

איינס פון די גרעסטע טעותים וואס באגלייט אונז אפט, איז דער געפיל, אז היטן די אויגן איז א שווערער 'לאסט' וואס דער רבש"ע האט אנגעלאדנט אויף אונז; כאילו די מצווה פון "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם" איז א צוים וואס נעמט אונז אוועק הנאה און תענוג וואס די וועלט האט פארצושטעלן. נאר היות מיר גלייבן דאך אין שכר ועונש, לייגן מיר צו א שטיקל 'טרייסט'... אז סוף כל סוף וועט זיך לוינען דאס 'דורכצושוויצן' און באקומען דערפאר א געוואלדיגן שכר, און פארקערט, אויב מ'וועט זיך חלילה נישט היטן, וועט זיין ביטער ווי א גאל.

צומאל שפירט מען ביי זיך שטילערהייט, הגם מ'האט עס מורא ארויסצוזאגן, אז איינער וואס האט נישט די 'דאגה' פון שמירת עינים, לעבט א גליקליכן לעבן, ער קען קוקן וואס ער וויל אן קיין אפהאלט. אבער איך, אלס ערליכער איד, מוז נעבעך ליידן דעם 'פרעשור' פון שמירת עינים... אנשטאט צו לעבן א גוטן טאג און הנאה האבן, זאגט די תורה אז איך טאר נישט קוקן דא, איך טאר נישט טראכטן דאס, איך טאר נישט גיין דארט... דער סך הכל איז, אז שמירת עינים באקומט א שווערן




עיני קבלה דרייוו:
# וויאזוי האט דאס פאסירט?
הר"ר אהרן יודא ראזענטהאל הי"ו, באשיידענער איניציאטאר פונעם 'עיני' דרייוו, שילדערט אונז א בליק אריין אין דעם הייליגן פראיעקט וואס האט געטוישט דאס לעבן פון טויזנטער אויף אייביג



**זכות הוצאות הגליון**

נתנדב לעי"נ
הרה"ח ר' **אורי** ב"ר **אביזער מרדכי** ע"ה **שווארץ**

זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מדי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימין הנדבן החשוב להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב. אמן.




א פריילעכן יו"ט

טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך



# אפגעהיטענע אויגן • א ג

נאך-טעם און אן אומאנגענעמען געפיל, ס'איז אן עול, א צמצום, וואס מ'דארף 'נעבעך' מקיים זיין, ווייל מיר זענען דאך ערליכע אידן...

## די זיסטע זאך אויף דער וועלט!

אבער מיט אן אויפריכטיגן בליק איז פשוט א שאד און א ווייטאג צו בלייבן מיט אזא סארט מהלך המחשבה, ווען דער איינפאכער מציאות איז ממש פונקט דאס פארקערטע, אז חוץ אלע נשמה'דיגע פארדינסטן וואס שמירת עינים ברענגט פאר א איד - ברענגט עס אויך די גרעסטע תענוג און שמחת החיים פאר'ן מענטש בגשמיות! היטן די אויגן איז אפילו פראקטיש גערעדט א גאראנטיע פאר א גליקליכן און צופרידענעם לעבן, צו זיין א 'שמח בחלקו', און שפירן זאט מיט'ן אייגענעם חלק וואס דער רבש"ע האט אונז געשאנקן.

מ'קען עס אפילו הערן פון גוים וואס ברענגען צומאל ארויס זייער קנאה און שטוינונג אויף דער איידעלער לעבנסשטייגער פון א איד, וואס ברענגט אונז אזויפיל מנוחה, צו קענען לעבן מיט זיך, און נישט ווערן פארשלעפט מיט אלע רייצונגען וואס דאס אויג זעט. א איד וואס קאנטראלירט זיך יא די אויגן, שפירט בפועל א טאפנדע רואיגקייט און שמחה, ווי דער פסוק אין **משלי** (ג, יז) זאגט: '**דְּרָכֶיהָ דַרְכֵי נֹעַם וְכָל נְתִיבוֹתֶיהָ שָׁלוֹם**' - די וועגן פון דער תורה זענען זיס און ברענגען די גרעסטע צופרידנקייט און פרידן[א].

**דער יצר הרע זוכט צו פארדעקן דעם ליכטיגן אוצר און אמת'ע גליק וואס ליגט באהאלטן אין שמירת עינים, ער פרובירט דאס אראפצומאלן ווי א צמצום און פארמאכטקייט, כאילו אויף דער אנדערער זייט צוים געפינט זיך עפעס 'עולם הזה' וואס מען פארפאסט... דער אמת איז אבער, אז דאס אלעס איז א בלויזער דמיון, דער גליקליכסטער מענטש איז דוקא דער איד וואס פארמאכט זיינע אויגן! שמירת עינים איז למעשה א שליסל צו אמת'ע סיפוק און צו לעבן רואיג, געזונט, מיט ישוב הדעת**

וואס לאזט זיינע אויגן לויז חלילה, וועט קיינמאל נישט זיין צופרידן. דער מענטש שפירט זיך אזוי ליידיג און אויסגעלאשן, מיט א טיפע אומרואיגקייט און מרה שחורה, ווייל ס'איז א 'מים שאין להם סוף' וואס מ'קומט קיינמאל נישט אן צו ווערן זאט. דער עולם הזה'דיגער חן לאזט קיינמאל נישט פריי, נאר ס'האלט באהאפטן צו אן ענדלאזער קייט פון טראכטן און גלוסטן פרעמדע גליקן - **אזא מענטש לייגט זיך אריין אין א ביטערע תפיסה מיט די אייגענע הענט!**

בנוסף דערצו, ברענגט דאס געוועגליך אז ס'זאל אנהייבן נעסטיגן טיף אן אינערליכע אומצופרידנהייט, מען פארלירט די זאטקייט וואס א מענטש פארמאגט אריגינעל, און דורכדעם מאנגלט מען אין דער נאטירליכער שמחת החיים וואס צעשטערט די רואיגקייט און קשר מיט זיך אליין און מיט די נאנטסטע. דאס הארץ איז פארנומען ציען צו זאכן וואס געהערן נישט צו אים, און מ'שפירט נישט באפרידיגט אפילו ווען מ'האט פון אלעם גוטן. שוין אפגערעדט אז אסאך מאל ווערט מען דורכדעם אריינגעשלעפט אין אומגעזונטע געוואוינהייטן, וואס מאכן ממש חרוב דעם מענטש.

די בעלי מוסר האבן דאס צוגעשטעלט צו איינעם וואס פרובירט צו שטילן זיין דארשט דורכ'ן טרינקען געזאלצענע וואסער, און ווען ער זעט אז ער ווערט בלויז מער דארשטיג דורכדעם, נעמט ער נאך א גלעזל פון די זאלציגע וואסער, און אזוי נאך איינס און נאך איינס. דער שפיל ענדיגט זיך קיינמאל נישט, יעדעס גלעזל אנשטאט ס'זאל אים אוועקנעמען דעם דארשט, מאכט עס נאר ערגער, ער ווערט אלץ מער און מער דארשטיג, און אינצווישן שעדיגט ער זיינע אינערליכע אברים פון אזויפיל זאלץ...

ב

## הוֹשַׁעְנָא נָוֶה שַׁאֲנָן; ראיות אסורות רויבן אוועק דעם מענטש'נס מנוחה

### האלטן דעם נפש נאטירליך און געזונט

שלמה המלך, דער חכם מכל אדם, לערנט אונז (קהלת ז, כט): "**עָשָׂה הָאֱלֹקִים אֶת הָאָדָם יָשָׁר וְהֵמָּה בִקְשׁוּ חִשְּׁבֹנוֹת רַבִּים**" - השי"ת האט באשאפן דעם מענטש גלייך, נאר מענטשן זוכן זיך אליין אסאך 'חשבונות'. זיי גייען אוועק פון אט דער נאטורליכער גלייכקייט און טרעפן זיך נייע 'גליקן'.

דאס מיינט אז ווען דער מענטש, יציר כפיו של הקדוש ברוך הוא, ווערט באשאפן, איז ער גאנץ; זיין מח איז גלייך, זיין הארץ איז ריין, זיין נפש איז לויטער. ער דארף נאר זען צו בלייבן מיט זיין געבוירענער איידלקייט, כדי נישט צו מאכן קראנק די נאטירליך- געזונטע נפש.

### אן אייגן געמאכטע תפיסה

דער הייליגער **קאברינער** זי"ע האט שוין געזאגט: דער בעל דבר פארגינט נישט פאר'ן מענטש זיין עולם הבא, און נאכדעם וואס ער האט שוין צוגענומען זיין עולם הבא, פארגינט ער אים אויך נישט זיין עולם הזה...

מען דארף נישט זיין קיין גרויסער מומחה בתורת הנפש דאס צו זען מיט די פליישיגע אויגן, אז איינער

### די ענדלאזע גטיעג וואס פירט אין ערגעץ נישט

דער ספר **החינוך** שרייבט ממש דעם זעלבן יסוד ביי דער מצוה פון "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם" (מצוה שפ"ז), וואו ער דרוקט זיך אויס מיט קורצע אבער טיפזיניגע ווערטער[ב]: **כָּל אִישׁ בְּהַרְגִּילוֹ בְּתַאֲווֹת וּבְהִתְמִידוֹ בָּהֶן, יֶחְזַק עָלָיו יִצְרוֹ הָרַע יוֹם יוֹם. וּבְהִמָּנְעוֹ מֵהֶם, יִשְׂמַח בְּחֶלְקוֹ תָּמִיד כָּל הַיּוֹם, וְיִרְאֶה כִּי עָשָׂה הָאֱלֹקִים אֶת הָאָדָם יָשָׁר וְהֵמָּה בִקְשׁוּ חֶשְׁבּוֹנוֹת רַבִּים לְלֹא תוֹעֶלֶת שֶׁל כְּלוּם.**

"אויב א מענטש היט זיך נישט זיינע אויגן און ער געוואוינט זיך איין נאכצוגיין וואס זיין הארץ גלוסט, וועלן זיינע תאוות זיך בלויז שטארקן יעדן טאג מער און מער, און ער וועט קיינמאל נישט זיין צופרידן מיט וואס ער האט. אבער אויב האלט ער זיך צוריק פון זיינע תאוות, וועט ער שטענדיג זיין א שמח בחלקו, ער וועט זיך פרייען מיט זיין טייל וואס דער באשעפער האט אים

**א)** זה לשון **הרלב"ג** שם: "הנה דרכי התורה הם דרכים שינעמו וימתקו מאד לאדם, כי לא העמיסה על האדם שום מעמס יקשה לו, אבל כל מה שבה מן המצות והאזהרות הם דברים ערבים ורצויים בעצמותם. לא כנימוסי הגוים שהיו מעמיסים בהם דברים קשים, גם את בניהם ואת בנותיהם ישרפו באש לאלהיהם. וכל נתיבות התורה הם שלום לגוף ולנפש, כמו שהתבאר מדברינו בדברי התורה, כי כלם ישירו אל בריאות הגוף ובריאות הנפש. הנה התורה היא עץ חיים לאשר הם מחזיקים בה לשמור ולעשות ולחקור בעניניה".

**ב)** זהו לשון **החינוך** בשלימות: "התאוה תמשך הבשר כמשוך היין אל שותיו. כי הסובאים לא תשבע נפשם לעולם ביין, אבל יתאו אליו תאוה גדולה, ולפי הרגילם נפשם בו, תחזק עליהם תאותם, ולו ישתו שם כוס מים, יפיג יקוד אש תאות היין ויערב להם. כן הדבר הזה, כל איש



# אראנטיט פאר אינערליכע שמחה

געגעבן, און ער וועט איינזען אז דער באשעפער האט באשאפן די מענטשן אויפ'ן ריכטיגן, גראדן וועג, און זיי זענען פארקראכן דערפון דורכ'ן זוכן תאוות און הבלים וואס ברענגען נישט קיין שום תועלת".

דער חינוך איז דאס דארט מסביר, אז ס'איז גלייך צו א שיכור וועלכער איז צוגעבינדן צום ביטערן טראפ, וואס ס'דאכט זיך אים אלץ אז ווען ער וועט טרינקען א גלעזל וויין, וועט עס אים באפרידיגן, אבער דער אמת איז פארקערט, ווי מער ער טרינקט, אלץ מער ווערט ער צוגעבינדן דערצו און אנגעוויזן אין נאך. פון דער אנדערער זייט, אויב שטעלט ער זיך אפ און ער מאכט אפ אז ער טרינקט נישט מער, וועט עס אים ביז א קורצער צייט בכלל נישט מער ציען און ס'וועט אים זיין גוט אן דעם. אין אנהויב איז עס נישט אזוי לייכט, אבער ווי זיס איז דערנאך פאר דעם וואס באווייזט עס.

דאס אליין קען טאקע גענוצט ווערן ווי א גוטע עצה אויף אפגעהיטענע אויגן, ווען מ'מאכט זיך דעם חשבון אז עס לוינט זיך די אנשטרענגונג, ווייל מ'וועט נאכדעם געניסן פון דעם זיסן געפיל וואס קומט געוויינליך נאך די התגברות! אזוי קען מען למפרע באקומען די שטארקייט זיך איינצוהאלטן, וויסנדיג אז מען באקומט דערפאר אזא דערהויבענעם רוחניות'דיגן שכר אויפ'ן ארט.

## ס'איז ממש א שאד צו זיין פארקנעכטעט

דער געדאנק ווערט דערמאנט אין אלע ספרי קודש, אז איינער וואס גייט נאך זיינע תאוות ווערט ממש א קנעכט דערצו, ס'מאכט אים אינגאנצן צורודערט, און ער פארמאגט נישט קיין מנוחה און זעלבסטשטענדיגקייט. ווי די משנה אין **אבות** (פ"ו מ"ב) זאגט, "אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה" - א בן חורין, א פרייער מענטש, איז אזא איינער וואס לערנט און פירט זיך על פי תורה, אן קיין שעבודים צו זיינע תאוות, דאס איז דער ריכטיגער חירות.[ג]

אזוי שרייבט דער **אלשיך** הק' (קהלת י, טז)[ד]: "איינער וואס איז משועבד צו זיין יצר הרע, ווערט פאררעכנט ווי א קנעכט, ער איז אן עבד פאר'ן יצר הרע. אבער איינער וואס איז משועבד צו זיין יצר טוב און טוט שטענדיג וואס ער הייסט, ער איז נישט קיין קנעכט, ער איז א פרייער מענטש, ווייל ס'איז נישט פארהאן נאך אזא פרייער מענטש ווי איינער וואס לערנט און איז מקיים די מצוות התורה."

און מ'רעדט נישט דא בלויז לגבי רוחניות, נאר ס'איז אזוי אפילו פון א גשמיות'דיגן שטאנדפונקט דא אויף דער וועלט! ווי דער הייליגער **רמב"ם** שרייבט אין א בריוו צו זיין זון[ה]: "דער שיעבוד פונעם גוף צום נפש איז א חירות, סיי אויף **דער וועלט** און סיי אויף **יענער וועלט**".

איבערהויפט זעט מען דאס זייער שטארק ביי שמירת עינים, אז דער וואס היט זיך די אויגן איז איינפאך א פרייער מענטש, פריי פון אלע אומצופרידנקייטן, **'ער'** פירט זיין לעבן און נישט זיינע תאוות פירן אים.

ווידעראום, אויב מ'האט נישט קיין שמירת עינים, ווערט מען ממש קאנטראלירט דורך די תאוות, יעדער מינוט ציעט עפעס אנדערש צו קוקן און זען, מ'איז בכלל נישט בעל הבית אויף זיך זעלבסט. אלעס ארום אים האט די בעלות און געוועלטיגט אויפ'ן מענטש, ער האט זיך נעבעך נישט אין דער האנט. ס'איז כאילו זיינע אויגן פארמאגן אויף זיך א לאנגען שטריק וואס יעדער לויזיגער קען שלעפן און ציען אין אלע ריכטונגען...

ג

## שֶׁפַע בְּרָכוֹת מִדַּעַת עֶלְיוֹן; די זיסקייט פון עומד זיין בנסיון

## ווי גליקליך איז דער שומר עינים!

קומט אויס אז די מצוה פון 'ולא תתורו אחרי עיניכם' איז פשוט א 'מתנה טובה' וואס דער גוטער באשעפער האט אונז געשאנקען. אויסער דעם רוחניות'דיגן תועלת וואס מ'איז קונה דורך דעם, איז דאס אויך אן עצה עמוקה אונז צו ברענגען גייסטישע שמחה, צופרידנהייט און סיפוק הנפש.

דער יצר הרע זוכט צו פארדעקן דעם ליכטיגן אוצר און אמת'ע גליק וואס ליגט באהאלטן אין שמירת עינים, ער פרובירט דאס אראפצומאלן ווי א צמצום און פארמאכטקייט, כאילו אויף דער אנדערער זייט צוים געפינט זיך עפעס 'עולם הזה' וואס מען פארפאסט... דער אמת איז אבער, אז דאס אלעס איז א בלויזער דמיון, **דער גליקליכסטער מענטש איז דוקא דער איד וואס פארמאכט זיינע אויגן!** שמירת עינים איז למעשה א שליסל צו אמת'ע סיפוק און צו לעבן רואיג, געזונט, מיט ישוב הדעת. אן אפגעהיטענער איד שפירט זיך באפרידיגט און צופרידן, ער איז א פרייער מענטש מיט אן אינערליכע זאטקייט וואס קען שעפן סיפוק סיי פון זיינע רוחניות'דיגע צילן און סיי פון זיין גשמיות'דיגע לעבן. - ער דארף נישט מער, ס'איז אים גוט.

## מכאן ואילך יערב לכם

ס'איז טאקע מעגליך אז אויף דער מינוט, בשעת דער נסיון ברענט, שפירט נישט דער מענטש ווי ער וועט דערפון פארדינען, מ'זעט נישט אויפ'ן פלאץ וויאזוי דאס וועט אים מאכן צופרידן, און ס'קען זיך אפילו דאכטן כאילו מ'פארלירט עפעס א תענוג... אבער ס'איז הונדערט פראצענט זיכער אז אויב מען געוואוינט זיך איין צו האבן קאנטראל אויף די אויגן, וועט מען צוביסלעך אליין אויפפאסן די געוואלדיגע רווחים וואס מ'פארדינט פון שמירת עינים. דער נפש איז רואיג, דאס הארץ און מח געפינען זיך אויפ'ן ריכטיגן פלאץ, און מ'איז פריי פון די גלוסטענישן וואס ענדיגן זיך קיינמאל נישט.

און אז מען געדענקט דאס, העלפט דאס גאר שטארק זיך צו קענען מתגבר זיין און מאכן דעם ריכטיגן באשלוס

בהרגילו בתאוות ובהתמידו בהן, יחזק עליו יצרו הרע יום יום, ובהמנעו מהם ישמח בחלקו תמיד כל היום, ויראה כי עשה האלקים את האדם ישר והמה בקשו חשבונות רבים ללא תועלת של כלום".

ג) לשון **המאירי** בביאור משנה זו: "שאין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה, מפני שנפשו אינה משועבדת לתאוות הגופניות, וזהו החירות האמיתית". ועיין **באבן עזרא** (במדבר ו' ז'): "דע כי כל בני אדם עבדי תאוות העולם, והמלך האמיתי שיש לו נזר ועטרת מלכות בראשו, [הוא] כל מי שהוא חפשי מן התאוות".

ד) זה לשון **האלשיך**: "ידוע כי אשר ישתעבד ליצרו הרע יקרא משועבד, כמשרת ועבד לו. אך אשר ישתעבד ליצרו הטוב, ועושה רצונו תמיד, הוא יקרא בן חורין, ולא משועבד, כי אין לך בן חורין כעוסק בתורה ומצוות (עי' אבות ו' ב'), כי העושה רצון יצרו הטוב עושה רצון קונו, והאדם הוא חלקו - נמצא עבד לעצמו, והוא גדר החרות בעצם".

ה) **רמב"ם**: "שעבדו החומר לשכל, כלומר הגוף לנפש, כי שיעבודו הוא חירותכם **בזה ובבא**".



# אפגעהיטענע אויגן • א גאראנטיע פאר אינערליכע שמחה




אז "שמירת עינים איז אויך פאר מיר, ס'איז פאר מיין טובה, בגשמיות וברוחניות!"

## א לעכטיגע געפיל וואס מען שפירט זאפארט

באזונדער איז פאראהאן אן אפטע ערשיינונג, אז בשעת א איד שטערנגט זיך אן מיט א התגברות קעגן דעם יצר הרע, איז מען פלוצלינג זוכה צו א ספעציעלע מתנה פון השי"ת, שפירן עפעס אן דערהויבענע תענוג פון קרבת אלקים און לעכטיגקייט. אסאך אידן קענען עדות זאגן דערויף, אז ווען זיי האבן זוכה געווען זיך אונטערצונעמען א קבלה, אדער זיך מתגבר זיין אויף א נסיון וואס איז אונטערגעקומען, האבן זיי פון הימל באקומען עפעס א וואונדערליכע געפיל וואס מ'קען נישט געהעריג מסביר זיין.

ס'איז מערקווירדיג וואס ווערט געברענגט אין ספה"ק **דברי יחזקאל** (פרשת קדושים) בשם הרה"ק דער **רבי פון לובלין זי"ע**[ו], אז באמת טוט דאך יעדע מצוה הייליגן דעם מענטש, ווי מ'זאגט אין די ברכה 'אשר קדשנו במצותיו', נאר נישט אלעמאל שפירט מען גלייך די קדושה פון דער מצוה. אבער ס'איז דא אן אויסנאם: ווען מען שטארקט זיך אויף א נסיון פון קדושה און שמירת עינים, דעמאלט איז מען מרגיש די קדושה אויפ'ן פלאץ!

דערמיט טייטשט דער הייליגער **שינאווער רב** זי"ע, וואס רש"י ברענגט פון חז"ל אין אנהויב פרשת קדושים: 'כל מקום שאתה מוצא גדר ערוה, אתה מוצא קדושה', אז יעדעס מאל ווען א איד מאכט זיך א גדר פאר א דבר ערוה, **טרעפט ער 'גלייך' די לויטערע הרגשה פון קדושה**. אנדערש ווי ביי אנדערע מצוות, שפירט מען ממש וויאזוי מ'ווערט געהייליגט און גערייניגט.

## אן אינוועסטמענט מיט פאַרזיכערטע רווחים

דאס אליין קען טאקע געניצט ווערן ווי א גוטע עצה אויף אפגעהיטענע אויגן, ווען מ'מאכט זיך דעם חשבון אז **עס לוינט זיך די אנשטרענגונג**, ווייל מ'וועט נאכדעם געניסן פון דעם זיסן געפיל וואס קומט געווענליך נאך די התגברות! אזוי קען מען למפרע באקומען די שטארקייט זיך איינצוהאלטן, וויסנדיג אז מען באקומט דערפאר אזא דערהויבענעם רוחניות'דיגן שכר אויפ'ן ארט.

ווי טרעפליך האט הגאון בעל **שבט הלוי** זצ"ל אמאל געזאגט[ז]: "א איד דארף זיך נאר דערמאנען די זיסקייט און לויטערקייט וואס ער האט געשפירט בשעת ער האט אמאל געהיטן זיינע אויגן און זיין הארץ ווי ס'דארף צו זיין, און דאס וועט אים געבן דעם כח זיך מחזק צו זיין אין צייט פון א נסיון!"

---

ו) **ספה"ק דברי יחזקאל פר' קדושים:** אמר בשם הגאה"ק הרבי מלובלין ז"ל זי"ע, על מה שכתב רש"י ז"ל 'כל מקום שאתה מוצא גדר ערוה אתה מוצא קדושה', היינו שבאמת כל המצוות מקדשים, כמו שאנו מברכין 'אשר קדשנו במצותיו', רק שאין מרגישין הקדושה בהרגשה ממש. משא"כ כשבא לידי נסיון בדבר ערוה אז מרגיש הקדושה, וזה כוונת רש"י ז"ל בפרשת קדושים: 'כל מקום שאתה מוצא גדר ערוה אתה מוצא קדושה' - שמרגיש הקדושה."

ז) מובא בספר **מלחמת קודש** דף רכג ששמע מפיו: "יש לכל אדם לזכור את הנעימות ואת הטוהר שהרגיש בנפשו בזמנים אשר שמר עיניו ולבו כדבעי, ומזה יתחזק בעתים של נסיון".






# אן 'עת רצון' ביים טויער פונעם 'זאא', חול המועד אינדערפרי

## עס דערציילט א חשובע'ר מרביץ תורה שליט"א:

עס איז געווען חול המועד פסח תשפ"ד, ווען מיין אידענע האט באשלאסן אז מיר וועלן גיין מיט די קינדער צו א טור-גארטן, א זאא. געווענליך פארן מיר נישט אוועק אום חול המועד, טאקע צוליב די שוועריגקייטן פון היטן די אויגן, אבער דאס מאל האט זי זיך גוט נאכגעפרעגט, און ס'האנדלט זיך פון א שטילע טיר-גארטן וואו ס'איז זייער פאסיג צו גיין. מיר האבן אפגעמאכט צו אנקומען דארט גאר פרי, כדי זיכער צו מאכן אז עס וועט טאקע זיין ליידיג.

איך בין אויך מיטגעקומען. סיי ווייל כ'האב געוואלט הנאה האבן צוזאמען מיט די קינדער און זען די 'נפלאות הבורא', די אינטערעסאנטע חיות וואס כ'האב נאך קיינמאל נישט געזען. אבער טיף אין הארץ האב איך געהאט נאך א כוונה: צו האלטן א השגחה אז די קינדער זאלן זיך נישט דרייען אויף פלעצער וואו מ'קען חלילה נכשל ווערן מיט ראיות אסורות.

כ'האב טאקע געדאווענט גאר פרי, און מיר זענען ארויסגעפארן אין די פארמיטאג שעות. אבער גלייך אנקומענדיג האבן מיר באמערקט אז ס'איז אנגעלייגט מיט צופיל מענטשן. שפעטער האט זיך ארויסגעשטעלט אז פונקט יענעם טאג האבן די גוים נישט געהאט קיין סקול, און דעריבער איז געווען מער מענטשן ווי געווענליך.

מיר האבן איינגעצאלט פאר די טיקעטס, האפנדיג אז מיר וועלן טרעפן א רואיגע ווינקל. אבער קוים וואס מיר זענען אנגעקומען צום ערשטן סטאנציע, וואו מ'קען באטראכטן שיינע פייגלעך און קאטשקעס אין א וואסער'ל, האבן מיר געזען אז עס איז נישט מעגליך צו גיין ווייטער. עס זענען טאקע געווען אסאך אידן, אבער ס'איז אויך געווען איבערגעפילט מיט אויסגעלאסענע גוים. בכלל נישט געאייגנט פאר יראת שמים.

מיין אידענע איז געגאנגען אויפזוכן אויב ס'איז פארט דא עפעס א ליידיגערע פלאץ וואו מיר קענען פארברענגען אן קיין מכשולות, און דערווייל זענען מיר געבליבן שטיין ביי די פייגלעך, מיט די פנימ'ער אויסגעדרייט צום וואסער, כדי גארנישט אנדערש צו זען ארום און ארום. מענטשן זענען געגאנגען און געקומען, אבער מיר זענען געשטאנען דארט אויסגעדרייט צו די קאטשקעס און אכטונג געגעבן נישט זיך ארומצוקוקן.



נאך עטליכע מינוט איז זי צוריקגעקומען זאגנדיג אז עס איז נישטא וואו צו גיין, אלע פלעצער זענען אנגעלייגט מיט ראיות אסורות. האב איך געזאגט: "פארפאלן, מיר גייען צוריק אהיים".

מיר זענען ארויסגעגאנגען פון דעם זאא און גערופן א קאר סערוויס אונז צוריקצופירן. מיר האבן זיך אפגעשטעלט ביי א ליידיגע ווינקל און געווארט אויפן קאר. דערווייל שטייענדיג אזוי אין דעם מצב, זענען די קינדער געווען גוט אנטוישט און שטארק אומעטיג. האב איך זיי געזאגט: "קינדערלעך, יעצט ווען מיר האבן מוותר געווען אויף אונזער הנאה צוליב דעם רצון ה', איז זיכער א געוואלדיגע עת רצון! לאמיר אויסנוצן די געלעגנהייט צו אויסבעטן אלעס וואס מיר דארפן".

די קינדער האבן טאקע אנגעהויבן בעטן מיט א ריינע תמימות. צוערשט האבן זיי מתפלל געווען פאר א קרובה אין דער משפחה וואס האט שוין געווארט 12 יאר! אויף איר באשערטע זיווג, און מיר האבן געבעטן השי"ת אז זי זאל בקרוב ווערן א כלה.

דאן האבן מיר געבעטן פאר א דירה; מיר האבן דעמאלט געוואוינט אין א קליינטשיגע דירה'לע אויפ'ן פערטן שטאק, וואו ס'האט אריינגערעגנט פון אלע זייטן, מיט א פארטש וואו מ'האט קוים געקענט מאכן א סוכה. האבן מיר מתפלל זיין פאר א נייע רחבות'דיגע דירה. און היות מיר זענען דארט געשטאנען א שיינע שטיקל צייט, ווארטנדיג פאר'ן קאר, האבן די קינדער אנגעהויבן אויסרעכענען א לאנגע ליסטע מיט אלע סארט דעטאלן: ס'זאל זיין א שיינע גרויסע דירה, ס'זאל האבן א 'ספרים שטוב', ס'זאל האבן א גרויסע פארטש פאר א סוכה, מיר זאלן האבן גענוג פלאץ אריינצונעמען דארט געסט, א.א.וו. אזוי האבן די קינדער געהאלטן אין איין צולייגן נאך און נאך פרטים וואס מיר ווילן אין דעם נייעם הויז, אפילו אזעלכע זאכן וואס האט אויסגעקוקט אוממעגליך אז מיר זאלן טאקע אנקומען דערצו, אבער ביים אויבערשטן איז דאך אלעס מעגליך.

ענדליך איז די קאר אנגעקומען און מיר האבן זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג צוריק. אינמיטן וועג האבן מיר זיך אפגעשטעלט ביי א זייטיגע פלאץ נעבן אן עירפארט, וואו עס איז געווען ליידיג פון מענטשן, און מ'האט געקענט מיטהאלטן פון דער נאנט ווי די עראפלאנען הייבן זיך. פון דארט זענען מיר אנגעקומען אהיים, און אלעס איז צוריק אין רוטין.

עס זענען נישט אריבער קיין פאר וואכן פון יענעם חול המועד פסח, און דאס אומגלויבליכע איז געשען: די קרובה וואס האט שוין יארן לאנג געווארט אויף איר זיווג, איז פלוצים געווארן א כלה מיט א גוטער שידוך, און די שמחה אין די גאנצע משפחה איז געווען עד לב השמים.

מיר אליין האבן אפילו נישט גלייך צוזאמגעשטעלט די געשיכטע, אבער אונזער באבע - ווען מיר האבן פארציילט די מעשה פונעם טור-גארטן נאך פאר די ישועה איז אנגעקומען - האט גלייך אנגעמערקט אז דאס איז זיכער אין זכות פון די תפלות וואס די קינדער האבן דעמאלט געדאווענט ביים טויער פונעם זאא.

די צווייטע העלפט פון דער מעשה האט זיך אפגעשפילט יענעם ענדע זומער, ווען איך האב זיך אויסגערעדט דאס הארץ פאר א חבר אז איך זוך שוין אזוי לאנג א געהעריגע דירה, האט ער מיר פארציילט אז זיין טאטע האט צופעליג א דירה וואס ער פלאנט דערווייל נישט צו פארדינגען, אבער מיין חבר קען עס ערלעדיגן פאר מיר. פון דארט האט עס גענומען בלויז עטליכע טעג און ס'איז אונטערגעשריבן געווארן א קאנטראקט אויף א הערליכע דירה.

צו אונזער שטוינונג פארמאגט די נייע דירה פונקטליך אלע מעלות וואס די קינדער האבן 'באשטעלט' אין זייער תפילה יענעם חול המועד אינדערפרי! אריינגערעכנט אזעלכע זאכן וואס מיר האבן אפילו נישט גע'חלומ'ט: א הערליכער ספרים-שטוב, א רחבות'דיגע דיינינג-רום, פלאץ פאר געסט, און א גרויסע פארטש מיט א 'ראל-אפ' סוכה שוין גרייט צום באניץ... אלעס וואס מיר האבן געבעטן!

דעם קומענדיגן חול המועד סוכות, ווען מיר זענען געזעסן מיט א רואיגקייט אין אונזער נייע, ברייטע סוכה אויפ'ן פארטש, האבן מיר זיך דערמאנט אין יענעם 'אנטוישונג' פונעם פארגאנגענעם חול המועד. מיר האבן געדאנקט דעם אייבערשטן פארן אונז געבן די כוחות מוותר צו זיין אונזער חול המועד אויספלוג פאר'ן רצון השם, און פארן אונז ווייזן דעם 'שכר מצוה בהאי עלמא' - ווען? - 'ליכא' - ווען מ'זאגט פאר'ן יצר ניין!



10
תשע"ז
תשפ"ז
יאר!
פון פרעצעדענטלאזע
זיכוי הרבים מיט די
וועלט-בארימטע
גליונות וואס איז
דער רוקנביין פאר
ערליכע אידן.
אריינטרעטנדיג אין שנת
טוט כלל ישראל אפצייכע
דערגרייכונגען אין ה
הִגִּיעוּ לְמַעְלָה
הָעֲשִׂירִי"ת
תִּקְעוּ וְהָרִיעוּ
וְתָקְעוּ
ס'איז א פאקט. כלל
artistic.group


עיני
שמירת עינים | קבלה דרייוו
שמירת עינים
קבלה דרייוו
העכער
30,000
קבלות!
זיך אונטער
גענומען דורך אידישע
קינדער זיך אפצוהיטן
די אויגן, ביים יעצטיגן
מאסיוון שמירת
עינים קבלה דרייוו.
שְׁלֹשִׁים
אֶלֶף אִישׁ
גִּבּוֹרֵי
הַחַיִל
הבא עלינו לטובה,
דאפלטע היסטארישע
לשמירת עינים:
ישראל איז הייליג!

# אויגן בליק

אויפגעכאפט פון דא און דארט



## רבי משה וואלפסאן ז"ל אלץ זייגער מאכער...

איך האב דאס געהערט פון מיין חבר ר' עקיבא ווייגבערגער. ער האט מיר דערציילט אז ווען ער איז אמאל צום ערשטן מאל געפארן קיין פלארידע, האט ער געוואוסט אז צוליב דעם ווארעמען וועטער קען דאס זיין א נסיון מיט שמירת עינים. האט ער געפרעגט פון רבי משה וואלפסאן ז"ל ווי אזוי מען באהאנדלט אזא נסיון.

האט אים הרב וואלפסאן געזאגט: איך בין אמאל געווען א זייגער־מאכער פאר עטליכע יאה, ווען איך האב פארלוירן מיין קול, און איך האב געדארפט יעדן טאג פארן מיט'ן טרעין קיין מאנהעטן. (הרב וואלפסאן איז צוערשט געווען א מגי"ש, אבער ער האט פארלוירן זיין שטימע, און דעמאלט האט ער געמוזט גיין ארבעטן פאר פרנסה).

איך האב געהאט צוויי שוועריגקייטן. איינס איז געווען די שמירת עינים אויפ'ן טרעין און אין די גאסן פון מאנהעטן. די צווייטע שוועריגקייט איז געווען מיין בעל־הבית האט געהאט א ראדיא וואס איז געגאנגען הויך א גאנצן טאג. אין אנהייב האט דאס מיר זייער געשטערט.

בין איך אויפגעקומען מיט א געדאנק. יעדן אינדערפרי, פאר איך בין ארויס פון שטוב, פלעג איך מחליט זיין אויף וועלכן ענין אין תורה איך גיי טראכטן יענעם טאג. איך האב אויסגעקליבן א נושא, און גלייך ווען איך בין ארויס פון שטוב האב איך אנגעהויבן טראכטן דערפון.

איך בין געפארן אויפ'ן טרעין און נישט באמערקט די מענטשן ארום מיר. איך בין געגאנגען אין גאס און בין געווען פארטיפט אין מיינע מחשבות. איך בין געזעסן ביי מיין ארבעט־טיש, און איך האב נישט געהערט דעם ראדיא.

און הרב וואלפסאן האט צוגעלייגט א געוואלדיגע זאך: "גלייב מיר, איך האב זייער שטארק געוואלט צוריקגיין אין ישיבה און צוריקבאקומען מיין קול. אבער אין דער זעלבער צייט מוז איך דיר זאגן, אז אין יענע צוויי יאר אלס זייגער־מאכער בין איך מער געוואקסן אין אידישקייט ווי אין אלע מיינע יארן אין ישיבה."

הרב שמעון פינקלמאן הי"ו, אין אַ שמועס צו דער ערשיינונג פון זיין נייעם ביכל 'רבי משה וואלפסאן' (איבערגעזעצט פון ענגליש צו אידיש)



## פון וועלכע שלעכטע חיות דארף מען געראטעוועט ווערן?

עס האט מיר דערציילט א איד אז ער איז אמאל געפארן אויפ'ן וועג מיט'ן סקולענער רבי, בעל ישועת יעקב, זצ"ל. אינטערוועגנס, ווען דער רבי האט געענדיגט זאגן תפילת הדרך, האט זיך דער רבי אנגערופן:

"מיר בעטן דא ביים הייליגן באשעפער, אז ער זאל אונז אפהיטן פון די חיות רעות בדרך. איז מיר יעצט איינגעפאלן, אז יעדער איד דארף דאך האבן חיות. ס'איז נישט שייך אז א איד זאל לעבן אן קיין חיות. די שאלה איז נאר פון וואו ער באקומט די חיות. אויב ער באקומט עס נישט פון א גוטן פלאץ, וועט ער חלילה נעמען זיין חיות פון שלעכטע פלעצער.

זאגט דער רבי "ווען א איד איז אינדערהיים אין זיין געוועגליכע מסגרת, האט ער זיך זיינע סדרים, ער האט זיך זיינע שיעורים, ער האט זיין בית המדרש – איז אים אסאך גרינגער צו שעפן חיות פון גוטע פלעצער. אבער ווען א מענטש גייט אויפן וועג, קומט אונטער גרויסע נסיונות. וועגן דעם בעט מען ביים הייליגן באשעפער, אז ער זאל אונז אפהיטן פון 'חיות רעות בדרך'. מען זאל חלילה נישט האבן חיות פון שלעכטע פלעצער, נאר מען זאל האבן חיות פון גוטע פלעצער – א חיות דקדושה."

הרב שלמה זלמן פרידמאן שליט"א, אב"ד סאנטוב, אויף "פרדס שלמה" ליניע

## באזייטיגט די אומאיידעלע בילדער

א אינטערסאנטע פאסירונג האט זיך אפגעשפילט אין די מאנטריאל גאסן פאריגע וואך. ווען איין טאג האט א יונגערמאן אדורכשפאצירט אויף די גאס אין די היימישע געגנט, האט ער באמערקט ווי געוויסע פארשוינען פארן ארום הענגען נישט איידעלע בילדער אויף די גאסן, פאר סיי וועלכע פראפאגאנדע אדער ציל.

זעענדיג אז דאס איז אויף א פלאץ וואו אסאך אידן גייען אריבער, איז אים בייגעפאלן א פלאן, ער איז צוגעגאנגען צו זיי מיט א פארשלאג, ער האט זיי געגעבן א שיינע מטבע, און באצאלט אז זיי זאלן דאס נישט הענגען אין די היימישע געגנט.

די מענטשן האבן גערן גענומען די געלט, אראפגענומען די בילדער און פלאקאטן, און זיך דערנאך אפגעטראגן פון דארט. מער האט מען נישט געזען די בילדער אין די געגנט.

דער מעשה וואלט געקענט בלייבן צווישן דעם יונגערמאן און דעם אויבערשטן (אזוי ווי ער האט געוואלט), אן קיינער זאל מיטהאלטן די איידעלע שריט פון א ערליכן איד, צו ראטעווען אזויפיל אידן פון ראיות אסורות. בהשגחה פרטית האט א צווייטער איד מיטגעהאלטן די גאנצע מעשה פון זיין קאך, און ער האט דאס מיטגעטיילט פאר די רעדאקציע, אלס "ממנו יראו וכן יעשו" צו ווייזן וויאזוי מיט א קליינע קלוגע שריט, קען מען טוען א טובה פאר טויזנטער אידן, אן קיין רעש און פרסום, בלויז צווישן זיך און דעם אויבערשטן.

בריוו אין "דער בלעטל" אויסגאבע



האט איר עפעס געזען אדער געהערט וואס אנדערע קענען שעפן חיזוק דערפון?
רופט 845.999.4114 עקס. 1-2 אדער שיקט צו info@tahoreineyim.org




# עֵינַי פלאַטפארמע

אלעס ארום דער מאסיווער
שמירת עינים קבלה דרייוו

וְיֹשֶׁר יָלִיץ בַּעֲדֵנוּ הַמְסַמֵּא עֵינָיו בָּאֵ"שׁ



## היסטארישער שליחות הקודש איסגעפירט געווארן ווען ספעציעלער שליח פון "עֵינַי" האט אריפגעטראגן די צענדליגער טויזנטער לעכטיגע קוויטלעך און קבלות פון אידישע קינדער צום גרויסן מליץ יושר ביי דעם הייליגן ציון פון התנא הקדוש רבי מתיא בן חרש זי"ע!

אין די געהויבענע טעג פונעם ירח האיתנים איז דער ספעציעלער שליח ארויסגעפארן אויפ'ן אחריות'דיגן שליחות צום מקום קדוש, וואו ער האט אויסגעזאגט ספר תהלים מיט בכיות און איינגעריסן מיט תפילה פאר אלע טויזנטער מקבלי הקבלות וואס האבן זיך אונטערגענומען צו האלטן זייערע אויגן ריין און הייליג | די צענדליגער טויזנטער לעכטיגע קבלות פון אידישע קינדער פון אלע שיכטן און קרייזן זענען אראפגעלייגט געווארן ביים ציון הקדוש פון דעם בעל מסירות נפש בשמירת עינים, פועל'נדיג אז דער הייליגער תנא זאל משפיע זיין רחמים, ישועות ורפואות, און א גמר חתימה טובה פאר אלע מקבלי הקבלות

יִרְאוּ עֵינֵינוּ וְיִשְׂמַח לִבֵּנוּ

## "ושמחת בחגיך" אויף א פרעצעדענטלאזן שטאַפּל ביים גאנצן היימישן ציבור ווען ווען טויזנטער אידן פייערן די שמחת החג מיט הייליגע און ריינע אויגן!

אמת'ע שמחה בצילא דמהימנותא ווען בעת כלל ישראל זיצט אין די הייליגע סוכה און טאנצט ביים שמחת בית השואבה, שפירן טויזנטער אברכים, בעלי בתים און בחורים דעם אמת'ן גליק און סיפוק הנפש וואס נאר הייליגע אויגן קענען שענקען | טויזנטער אידן שאקלען וועלטן נישט בלויז מיט א ריינער אתרוג "הדומה ללב" נאר מיט אמת'ע ריינע הערצער | דער שמחת החג ווערט געפייערט מיט אן עקסטאז וויסנדיג אז שמירת עינים איז דער ריכטיגער מפתח צו א גליקליך און צופרידן לעבן א גאנץ יאר!

וְעֵינֵיכֶם תִּרְאֶינָה וְאַתֶּם תֹּאמְרוּ יִגְדַּל ה'

## מאסיווער סוקסעס ביים דריטן קעש-גורל פון "עֵינַי" ווען איבער 5,000 נייע קבלות אריינגעפלאסן אין די זעלבע נאכט פונעם גורל!

מו"ה פנחס שלעזינגער הי"ו פון מאנסי ערקלערט אלס דער דריטער גליקליכער געווינער פון 2,000 דאלאר קעש | א שטראם פון איבער 5,000 נייע קבלות איז אריינגעקומען אין איין איינציגע נאכט צום הויפטקווארטיר!

דער דרייוו שפאנט ווייטער מיט פרישע כוחות: דער "עֵינַי" קאמפיין שפאנט ווייטער מיט א הויכן טעמפא ביז נאך די ימים טובים הבעל"ט, ווען דורכאויס די טעג פון חול המועד און שמחת תורה שטארקן זיך די אידן צו בלייבן אפגעהיטן און ווייטער דאס ממשיך זיין אויף א גאנץ יאר, אריינגעמענדיג די הייליגע השפעות פון די סוכה גלייך אריין אין די טאג-טעגליכע וואכעדיגע יארן

# עיני קבלה דרייוו: וויאזוי האט דאס

*אלעס האט זיך אנגעהויבן מיט א פריוואטע קליינע קבלה פון אן איינצלנעם איד בינו לבין קונו, וואס איז אויפאמאל פארוואנדלט געווארן אין א ריזיגע זיכוי הרבים באוועגונג, וואס האט ב"ה געברענגט צענדליגער טויזנטער אידן, בחורים יונגעלייט און בעלי בתים פון אלע יארגענג, זאלן זיך אפשטעלן אויף א מינוט פון התבוננות און נעמען אויף זיך אומצאליגע גוטע קבלות אויף למעשה.*

*שטייענדיג נאך צוויי חדשים אינערהאלב דעם גראנדיעזן 'עיני' פראיעקט, וואס איז ב"ה געקרוינט געווארן מיט אן אויסטערלישע סייעתא דשמיא, הערן מיר פון **הר"ר אהרן יודא ראזענטהאל הי"ו**, וויאזוי דער געניאלער געדאנק איז געבוירן געווארן, וויאזוי מ'האט זוכה געווען צו אזא השפעה לטובה אויף ישראל קדושים אלע שיכטן און קרייזן, און וואס זענען די אפקלאנגען פון דעם הייליגן אונטערנעמונג*

## ווען איז דער געדאנק געבוירן געווארן?

במשך די יארן איז מיר עטליבע מאל אויסגעקומען צו ליינען אין דעם 'טהור עינים' גליון ווי אידן האבן געשריבן אן עצה טובה אויף שמירת עינים, אז יעדעס מאל וואס מען האלט זיך צוריק פון א ראי' אסורה, זאל מען זיך אוועקלייגן א קליינע סכום געלט, אלץ א מתנה אויף די אייגענע התגברות.

דער געדאנק איז מיר זייער געפאלן, און כ'האב עס אנגעהויבן טון למעשה. יעדעס מאל ווען ס'איז מיר אויסגעקומען זיך צו מתגבר זיין אויף א שלעכטן בליק, גייענדיג אויפ'ן גאס, אדער זיצנדיג ביים רעדל אויפ'ן ראוד, האב איך אוועקגעלייגט ממש קליין געלט. מ'רעדט פון גאר א קליינעם סכום. דער עיקר איז דאך נאר דער רעיון דערפון, אז מ'זאל מחשיב זיין די התגברות.

ס'איז אריבער א תקופה, און כ'האב זיך דערזען אז ס'האט זיך צאמגעזאמלט א שיינעם סכום פון עטליבע הונדערט דאלער! ס'איז טאקע געווען גאר א קליינע סומע פאר יעדע התגברות, אבער 'פרוטה פרוטה מצטרפת' און ס'איז געווארן דערפון א סכום הגון. כ'האב געשפירט אז דאס איז הייליגע געלט וואס מ'דארף נוצן פאר עפעס א גוטע מטרה, און כ'האב געטראכט, לאמיר עס נוצן צו מזכה זיין נאך אידן מיט שמירת עינים.

## ווי ס'געדענקט זיך איז צוערשט בלויז געווען א שמירת עינים דרייוו פאר תלמידי הישיבות?

ריכטיג. דאס איז געווען פאראיאר זומער שנת תשפ"ה. כ'האב אנגערופן הר"ר אלי' טורנהיים הי"ו פון 'טהור עינים', און ער האט זיך צוגעבאפט צו דעם געדאנק... מיר האבן אויסגעארבעט א שטיקל פלאן, אז מ'וועט מאכן א גורל פאר בחורים וואס נעמען זיך אונטער קבלות טובות. ס'איז נישט געווען קיין גרויסער קאמפיין, מען האט עס בלויז געמאלדן אינעם 'טהור עינים' גליון אויף א קליינעם פארנעם, און ס'איז טאקע געווען געצילט נאר פאר בחורים - תלמידי הישיבות הק', מיט'ן חשבון אז כ'וועל קענען דעקן א גורל פון הונדערט דאלער א וואך.

יענער ערשטער קליינער קאמפיין האט ב"ה געהאט אסאך א גרעסערע הצלחה ווי מ'האט זיך גערישט. ממש הונדערטער בחורים פון אומעטום האבן זיך אנגעשלאסן און גענומען הייליגע קבלות. ס'איז דאך אזוי שיין געווען צו זען וויאזוי אידישע קינדער ווילן זיין ערליך, מ'דארף נאר געבן א קליינעם שטופ, און ישראל קדושים שליסן זיך אן מיט אזא ווארעמקייט.

בנוסף לזה איז עס געווען פאר מיר פערזענליך א געוואלדיגע חיזוק צו זען וואס איז דא געווארן. א מענטש מיינט אמאל, וואס קען מען שוין אויפטון ווען מ'מאכט א קליינע קבלה, אבער שטעלט זיך ארויס אז ווען מ'טוט עפעס פאר'ן אויבערשטן, האט מען שפעטער א געוואלדיגע סייעתא דשמיא. השי"ת זאל העלפן ווייטער.

## ווען איז עס געווארן א גלאבאלער קאמפיין פאר'ן גאנצן ציבור?

ווי געזאגט איז דער ערשטער שמירת עינים דרייוו פאר בחורים געווען אן אויסטערלישע סוקסעס, אבער די גרעסטע 'טענה' וואס מ'האט צוריקגעהערט פון אלע זייטן, איז געווען פון אידן אין אלע יארגענג וועלבע האבן געפרעגט: "למה נגרע... פארוואס עפעס נאר בחורים?"... דעריבער, ווען ס'איז געקומען היי-יאר האט מען אנגעהויבן טראכטן פון מאכן א ברייטערן קאמפיין, וואס זאל אנשליסן אידן פון אלע עלטער - יעדער איינער וואס וויל נעמען א קבלה.

ס'איז געווען פארשידענע פארשלאגן און אפציעס, און למעשה איז געבליבן אז מ'זאל מאכן א גורל פון צוויי טויזנט דאלער יעדע צוויי וואכן, כדי אנצוהאלטן די זעלבע פרישקייט דורכאויס די גאנצע תקופה.

אין אנהייב האב איך נישט געוואוסט וויאזוי כ'וועל דאס קענען באוויזן, אריינצוטאנצן אין אזא גרויסע אינטערנעמונג. איין טאג האב איך געטראפן מיין ידיד ר' אברהם אהרן יאזשעף הי"ו, און ער געבט מיר א פרעג 'נו וואס טוט זיך היי יאר מיט'ן שמירת עינים פראגראם?', האב איך אים געזאגט אז גרויסע פלענער איז שוין דא, מ'דארף נאר זען צו מ'וועט עס קענען אויספירן למעשה... זאגט ער מיר גלייך, 'אויב מאכסטו א קבלה דרייוו געב איך פינעף טויזענט דאלער!', דאס האט מיר געגעבן דעם שטופ, און פון דארט - מיט די הילף פון נאך טייערע נדיבי לב - איז עס ב"ה צושטאנד געקומען.

מ'האט פראקלאמירט דעם געדאנק אז יעדער וואס נעמט אויף זיך א קבלה פאר פערציג טעג גייט אריין אין די גורלות. יעדע צוויי וואכן ווערט ארויסגעצויגן א געווינער פון צוויי טויזנט דאלער. דער גורל איז א שטופ, אבער דער אמת'ער געווינס איז יעדע איינציגע קבלה און יעדע איינציגע התגברות.

## נו, וואס זענען געווען די רעזולטאטן?

לכתחלה, ווען מ'איז אריינגעגאנגען דערינען, האבן מיר געהאט א וויזיע אז אויב מ'וועט אנקומען צו צען טויזנט קבלות, וועט עס זיין א שטארקע דערגרייכונג. מיר האבן זיך געראכטן אויף אזעלבע נומערן, מער וויניגער, און מ'האט געהאפט אז מ'וועט אנקומען דערצו.

אבער וואס ס'האט דאן פאסירט איז געווען עפעס וואס קיינער האט זיך נישט געקענט פארשטעלן... גלייך ווען מ'האט געמאלדן איבער דעם 'עיני' קבלה דרייוו אינעם טהור עינים גליון, און אויף די ווענט פון בתי מדרשים, האט אנגעהויבן אריינצושטראמען טויזנטער קבלות וואס האט זיך פשוט נישט אפגעשטעלט. ביים צווייטן

# פאסירט?

הר"ר **אהרן יודא ראזענטהאל** הי"ו, באשיידענער איניציאטאר פונעם 'עיני' דרייוו, שילדערט אונז א בליק אריין אין דעם הייליגן פראיעקט וואס האט געטוישט דאס לעבן פון טויזנטער אויף אייביג

גורל האט מען שוין געהאט נאנט צו צוואנציג טויזנט! און יעצט ווען איך רעדט האלט מען שוין ביי העבער דרייסיג טויזענט! ממש ס'לאזט זיך נישט גלייבן וואס פארא פלאם פייער פון גוטע קבלות האט ארומגענומען דעם ציבור.

## וויאזוי ארבעט דער 'עיני' דרייוו למעשה?

מ'האט צוגעשטעלט עטליכע גרינגע אופנים וויאזוי צו אויסקלויבן קבלות טובות, אויפ'ן טעלעפאן, דורך טעקסט און דורך אימעיל. אין אסאך בתי מדרשים זענען געווען גבאים צו זאמלען די קארטלעך, און אויך האבן זיך געמאלדן אומצאליגע ישיבות וואו רובא דרובא בחורים האבן זיך אונטערגענומען הייליגע קבלות. באזונדער האט מען געמאכט ספעציעלע קבלה־קארטלעך, צוזאמען מיט די הארציגע אידישע תפילה אויף שמירת עינים פון הגה"צ ר' יעקב מאיר שעכטער שליט"א.

יעדע קבלה וואס קומט אריין ווערט אריינגעפירט אין איין צענטראלע ליסטע. עס מאכט נישט אויס צי עס איז אריינגעקומען דורכ'ן טעלעפאן, טעקסט, אימעיל, קבלה־קארטל. אלע קבלות ווערן געציילט און באקומען א נאמבער, און א ספעציעלער פראגראם קלויבט אויס דעם געווינער פון צווישן אלע נאמבערס. אזוי קען יעדער איינער, מיט איין קבלה, האבן א שאנס צו געוואונען בעז"ה יעדע צוויי וואכן.

## וואס ליגט הונטער דעם נאמען 'עיני'?

זייער פשוט. מיר האבן געוואלט ארויסברענגען די נקודה פון 'עיני' – ס'איז מיינע אויגן. נישט דער יצר הרע איז באלעבאס אויף מיינע עינים! ב"ה אז דער גאנצער קאמפיין איז ב"ה ארויסגעקומען זייער קלאר און מיט'ן ריכטיגן טעם. און מ'דארף טאקע דערמאנען מוה"ר קלמן אליעזר לעווי הי"ו פון 'מעסטערמיינד מארקעטינג', אינאיינעם מיט 'ארטיסטיסק גראפיקס', וואס האבן אנגעפירט מיט'ן מארקעטינג חלק, און ארויסגעברענגט דעם מעסעדזש שארף און ציענדיג.

## האט איר צוריקגעהערט פידבעק פונעם ציבור?

דאכט זיך אז די גרעסטע פידבעק איז דער עצם אומגלויבליכער פאקט אז העבער דרייסיג טויזנט אידן! האבן זיך אונטערגענומען אזויפיל הייליגע קבלות זיך אפצוהיטן די אויגן בקדושה ובטהרה. דער חידוש איז נאכמער, אז ווען מ'רעדט צו אידן הערט מען צוריק וויאזוי ממש יעדער וואס האט גענומען א קבלה, האט זיך אפגעשטעלט און אריינגעטראכט מיט א ישוב הדעת: "וואו איז מיין נסיון, ביי וועלכן זאך קען איך נוצן א התחזקות? און וועלכע ענין דארף איך נעמען אויף זיך?" אידן האבן ממש מקבל געווען אויף זיך מיט אזויפיל ערנסטקייט זיך צו פארבעסערן. יעדע קבלה פאר זיך איז דאך אזא אוצר און אזא מליצה ישרה פאר כלל ישראל. דאס אליין איז ווערד כל הון דעלמא. אשרינו מה טוב חלקינו.

חוץ מזה לאזן מענטשן כסדר איבער הפלא'דיגע מעשיות פון אפענע ישועות וואס זיי האבן געזען נאכ'ן נעמען א קבלה. ס'איז דאך ידוע פון ספרים הק' אז בשעת ווען מ'איז זיך מתגבר אויף א נסיון, איז עס א מורא'דיגע עת רצון ווען מ'קען פועל'ן ישועות און מענטשן דערציילן טאקע אז זיי האבן דעמאלט מתפלל געווען און געזען אפענע זאכן.

שוין אפגערעדט וויפיל אידן לאזן מעסעדזשעס אז די קליינע קבלות אין שמירת עינים האט זיי ממש אויפגעהויבן דעם סדר היום. זיי שפירן אפילו בגשמיות א נייע רואיגקייט, א שלוות הנפש און א דערהויבנקייט. זיי האבן ב"ה א קאנטראל אויף די אייגענע אויגן, און זייער גאנצע אידישקייט האט זיך געטוישט און פארבעסערט מיט א געוואלדיגע קרבת אלקים.

## צום שלוס, וואס איז אייער פערזענליכער לימוד פון דעם דרייוו?

די שטארקסטע לעקציע וואס איך האב זיך געלערנט פון דעם געוואלדיגן קידוש ה', איז אז מ'קען אנהייבן מיט א קליינע קבלה, און מ'ווייסט נישט וואס מ'קען אלץ אויפטון מיט דעם. דער גאנצער פראיעקט האט זיך דאך אנגעהויבן פון איין קליינע התגברות אויף אמאל, און צום סוף האט זיך עס געענדיגט מיט אזא ריזן זיכוי הרבים.

מ'דארף פשוט זיך אוועקשטעלן מיט א ישוב הדעת, נעמען איין ממשות'דיגע זאך, עפעס וואס מ'קען טאקע אנהאלטן, און מ'זאל עס פרובירן צו אויספירן מיט א תפלה און מיט אן ערנסטקייט. מ'האט דאך נישט קיין השגה וויפיל קדושה און התעלות דאס ברענגט אריין פאר די נשמה! יעדע התגברות איז אזוי חשוב ביים אויבערשטן, און צוביסלעך קען מען אזוי שטייגן, שטאפל נאך שטאפל, אסאך מער ווי מ'האט זיך אמאל פארגעשטעלט.

ומכאן הקריאה יוצאת אז ווער ס'האט זיך נאך נישט איינגעשריבן, קען זיך נאך מיטכאפן. דער קומענדיגער גורל וועט זיין דינסטאג פרשת בראשית, און דער לעצטער גורל וועט זיין דעם דינסטאג פרשת לך הבעל"ט, און מ'קען נאך רואיג זיך אנשליסן מיט די צענדליגער טויזנטער אידן וואס האבן שוין מקיים געווען דעם 'עולמך תראה בחייך'. – ויהי' חלקינו עמהם!



## גורלות אפדעיטס:

געווינער #1
מו"ה **יעקב משה שטערן** הי"ו
מאנסי ניו יארק

געווינער #2
מו"ה **אברהם יושע טעלער** הי"ו
קרית יואל ניו יארק

געווינער #3
מו"ה **פנחס שלעזינגער** הי"ו
מאנסי ניו יארק

קומענדיגע גורל

**וועט בעז"ה פארקומען דינסטאג בראשית הבעל"ט**

מאכט זיכער צו מעלדן אייער קבלה פאר די אויבנדערמאנטן טאג, צו פארזיכערן אייער שאנס אינעם גורל.

מ'וועט קענען הערן די געווינער אויפן טעלעפאן סיסטעם, אזוי אויך וועט עס ווערן געמאלדן דא אינעם גליון.

**ספאנסערט א גורל!**

מיט דעם וועט איר האבן א חלק אין טויזנטער קבלות פון אידישע קינדער רופט אונזער עיִנִי עסקן אויף **347-786-2690**

מְאוֹר עֵינַיִם יְשַׂמַּח לֵב

# אַן אמת'ער אַךְ שָׂמֵחַ דערקענט זיך אויף טויזנטער פנימ'ער. ווי קיינמאל בעפאר.



ווייל בלויז אפגעהיטענע אויגן מאכט דעם מענטש טכט פריילִיך, גליקליך, און צופרידן.

היסטארישע קעש- גורלות יעדע צוויי וואכן!

$2,000 קעש!

פאר'ן זיך אונטערנעמען איין מאל א קבלה פאר 40 טעג.

באנוס מתנה פאר יעדן:

קוויטל

ביים מסוגל'דיגער ציון פון התנא הקדוש

רבי מתיא בן חרש

דער בעל מסירת נפש בשמירת עינים כידוע, וואס פוקד זיין איפ'ן ציון איז מסוגל צו שמירת עינים.

עיני

שמירת עינים

קבלה דרייוו

845.999.4114 #8

רופט אריין צו 845.999.4114 #8

טעקסט דאסווארט EINI צו 845.999.4114

שיקט אריין דאס ווארט EINI צו

eini@tahoreineyim.org



## על הטוב יזכר

### זכות 2000 גליונות

מוה"ר **יואל גאטליב** שליט"א

לזכות בריאות השלימות לו ולכל משפחתו ולגמר חתימה טובה ולע"נ רבינו חיים זאנוויל ב"ר משה מריבניץ ולזכות הרה"ק ר' לוי יצחק בן שרה סאשה ויזכה לראות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציו

~ ~ ~

הר"ר **מרדכי יודא ביטמאן** הי"ו

### זכות 1000 גליונות

הרה"ח ר' **חיים בצלצאל בלום** הי"ו • הר"ר **משה מאיר וויטריאל** הי"ו לרגל **הולדת בתו** למז"ט • הר"ר **אברהם וואלף קויפמאן** הי"ו לרגל **נישואי בנו** למז"ט • הר"ר **יואל** ברח"י **פאללאק** הי"ו לרגל **הולדת בנו** למז"ט • הר"ר **בנימין וויינגארטען** הי"ו לרגל **הולדת בנו** למז"ט • הר"ר **אליעזר פריעדמאן** הי"ו לרגל **אירוסי בתו** למז"ט • הר"ר **יואל** ברא"א **פערל** הי"ו לרגל **אירוסי בנו** למז"ט • הר"ר **אהרן משה מרדכי פריעד** הי"ו • הר"ר **אפרים גדלי' מאנן** הי"ו לרגל **הולדת בנו** למז"ט

### זכות עמוד בגליון

הרה"ג ר' **יצחק אייזיק ראבינאוויטש** שליט"א

הר"ר **שלמה דוד אפענהיים** שליט"א

זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימינם שיזכו לראות רב נחת מיוצאי חלציהם ויתברך בכל מילי דמיטב אמן.

### זכות מזכה

הר"ר **משה יודא גרינהויט** הי"ו

לרגל **הולדת בתו** למז"ט

### מזל טוב

לכבוד ידידינו היקר

הר"ר **שלום משה פעלדמאן** הי"ו

העומד לימינינו בכל עת ועונה

לרגל נישואי בנו למז"ט

~ ~ ~

לכבוד ידידינו היקר

הר"ר **יעקב הכהן פריעדמאן** הי"ו

העומד לימינינו בכל עת ועונה

לרגל הולדת בנו למז"ט



טהור עינים

תנה בני לבך לי ועיניך

845.999.4114

נאכן דריקן 1 פאר

1 נדבה ליין

2 איבערגעבן א מעשה, עצה, געדאנק

3 ארויסצוהעלפן מיט די

4 הפצה

9

info@tahoreineyim.org

המערכת בלשה"ק 077.401.6591

כתובת המערכת בלשה"ק:

המערכת בענגליש: 732.532.2242

המערכת בספאניש: 054.115.219.8810

לכל עניני הגליון בענגלאנד, נא לפנות אל 07421307356

אויב זענט איר גרייט צו העלפן מיט'ן פארשפרייטן די גליונות אין אייער ביהמ"ד/כולל/ישיבה א.ד.ג., רופט אריין

845.999.4114 #1-3



## 'נסיעה גורל' אפדעיט

**זכות בגורל:** אלע 'מזכים' וואס האבן זיך אנגעשלאסן מיט א זכות שותפות פון $25 לחודש, אדער $300 איינמאל, וועלן בס"ד אריינגיין אינעם גרויסארטיגן 'נסיעה גורל'.

**זמן בגורל:** ער גורל וועט פארקומען דעם קומענדיגן חצי חשון, יום ב' פרשת

**דער געווינער:** דער געווינער וועט געמאלדן ווערן אויפ'ן 'טהור עינים' ליניע, און אינעם גליון.

**לשאלת הרבים:** אויב זענט איר א 'מזכה' און איר האט נישט געטראפן אייער נאמען אויפ'ן 'אשריכם צעטל' מיט אלע אנדערע נדבנים, מיינט דאס אז איר האט מנדב געווען און נישט געלאזט א מעסעדזש מיט אייער נאמען, אבער איר גייט נאך אלץ אריין אינעם גורל מיט אייער טעלעפאן נומער אדער אימעיל אדרעס.

**זמן האחרון:** אלע וואס וועלן זיך אנשליסן מיט'ן זכות 'מזכה' ביז זונטאג פרשת וירא, וועלן בעז"ה אריינגיין אינעם גורל.

טהור עינים

כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו

# מְזַכֶּה

$25 לחודש

פאר דיר | פאר דיינע קינדער | פאר דיין חבר | פאר כלל ישראל!

**אייער לעצטע שאנס! שליסט זיך היינט אן אינאיינעם מיט די הענטער טויזנטער שותפים וואס זענען מזכה אידישע קינדער איבער דער גאנצער וועלט מיט שמירת עינים!**

# 845.999.4114